# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Lider/ Poems

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/0840q1ks

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

### Author

Ish Yair, Ish Yair/

### Publication Date

1981

### Copyright Information

Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

איש יאיר / מאָנטרעאַל

# צ י י ט

(טערצינע)

ווי בליצסטו דאָס אַריבער איבער רגעס?
ווען פּאַלסטו, צייט, אויף פּענעצלעך צעשניטן,
און טיילסט מיר צו מצרימס קרעץ און נגעס?

ווען האָסטו דאָס מיין טרוים אויף מינץ צעביטן,
און זיך אַליין די ליידיקייט געלאָזן?
אין וועלכן וויסטן העק ביסטו פּאַרריטן?

דער כּישוף האָט לבנה־קעז פּאַרלאָזן:
מיט שטיוול — בלעך — ראָמאַנטישקייט פּאַרטריבן,
נערסט נודנע ניכטערקייט מיט זייפנבלאָזן.

ווער האָט דיך, ווער, אַהער צום תהום, געטריבן,
און האָסט אַ וועלט מיט זיך געבראַכט צו שלעפּן?
— דעם ענטפער לייַ'ן, אויף שטערנשטויב פּאַרשריבן.

קלעפּסידרעס טוען הימל־קיאָסק באַקלעפּן:
„דער זייגער קלינגט: 'ס'איז צייט, די צייט צו קעפּן!'"

# דער מזרח בליט

(פּעטראַרכישער סאָנעט)

דער מזרח בליט מיט פייערטעפּ, צעגליט;
צעמיניעט, בלענדט, קאַליר־קאַלייִדאָסקאָפּ;
פרימאָרגן שוימט די שאַנד פון נאַכט אַראָפּ,
באַשפּרענקלט וואָלקן־קעפּ מיט ראָזן צוויט.
נעכייִ וואָלט זיך צעבליט פּאַרוועלקט געמיט,
דער רוקן אויסגעגלייכט, דערהויבן — קאָפּ;
ווי שטאָלצער איינזאַמלער פון שניטערס סנאָפּ,
כ'זאָל ז מ ר ן גאָטס לויב, עקסטאַטיש ליד.

געצאַפּלט האָסט, מיין האַרץ, אויף שוועל פון אויס,
געראַנגלט זיך מיטן מלאך פון פאַרגיין;
דו ביסט נאָך אַלץ פון קלאָען נישט אַרויס:
צום טאָל פון טויט טוט לאָקן זיס געוויין.

דיין ווילן זיַ; דערמינטער שטאַר געמיט,
פילו אָן דאָס מויל מיט לויב, עקסטאַטיש ליד.

(נאָך לידער פון איש יאיר אויף נעקסטער זייט)

# איך בלאַנקע...

איך בלאָנקע זיך אַרום
אין דיין היינט,
יורש מיינער:
כ׳האָב פאַרלאָרן
אי דעם נומער
אי די גאַס.

אויף אַריבערטרעטן
דעם מיראַזש
פון נעכטנס מיינע,
האָסטו נישט קיין וויזע,
נישט קיין פּאַס.

קענסט מיך נעמען
ביי דער האַנט
און פירן,
אָנקלאַפּן אין אַלע
טויערן, פאַרריגלטע —
פאַרהאַקטע טירן.

קענסט מיר,
ווי אַ בלינדן,
אַריינשטעקן אַ ווייסן שטעקן
אין דער האַנט —
איך וועל בלאָנקען אָבער־ווידער
סיי ווי סיי,
ווייל דער דור־המבול
שוויבלט ווילד און ווילדער
פון דאָס ניי.

* * *

האָט נוח
זיך בנימוסדיק
געטעסעט בעלקעס
שטיל און שאָ?

בין איך דער איינציקער
משוגענער,
וואָס מאַכט אַ פּאַליש,
אין די וועלטן
דיינע —
אַ געשריי?

נישט איין מאָל,
גאָטעניו,
געצערנט האָט
חרטה־פּלאַם —
אָט־באַלד:
פאַרצוקט
דיין קרוין־באַשאַף.

פאַרוואָס־זשע שטשירעט
ראַצן־ציין —
אַנטקעגן מיר,
דאָס ערב־רב ?

* * *

יורש,
דו אומגליקלעכער,
וואָס ירשנסטו ביי מיר?
אויסגעזועגטע צייט — אַ תהום.
אַ נעכטן — אָן אַ טיר.

קענסט נישט טאָן
קיין „טויטנשפּרונג"
צום אויסגעברענטן נעכטן.
קיין ליכטבילד,
איינגראַווירט אין מאַרך —
פון מעשהלעך, נישט פלעכטן.

פאַרשטייסטו נישט,
נישט מיך, נישט זיך,
נישט מיין בלאָנקען
אין דיין היינט:
צעמאָלטער פּראָך,
ביז „נישט־געווען" —
איז פאַר דיר,
מיין נעכטן.